מיר געזאָגט: וויין נישט; זע, דער לייב פון דעם שבט
יהודה, (בראשית מט, ט־י) דער שורש דוד, (ישעיהו יא, א, י)
האָט מנצח געווען, אויפצושפּענען דאָס ספר און זיינע
6 זיבן חתימות. און האָב געזען אינמיטן פון דעם
כסא־הכבוד און די פיר חיות, און אינמיטן פון די
זקנים, אַ לעמעלע שטיין, ווי געשחטן, האָבנדיק
זיבן הערנער און זיבן אויגן, וועלכע זענען
די זיבן גייסטער פון ג־ט, געשיקט איבער דער
7 גאַנצער ערד. און עס איז געקומען, און האָט
גענומען דאָס ספר אויס דער רעכטער האַנט פון
8 דעם, וועלכער זיצט אויף דעם כסא־הכבוד. און
ווען עס האָט גענומען דאָס ספר, זענען די פיר
חיות און די פיראונצוואַנציק זקנים אַנידערגעפאַלן
פאַר דעם לעמעלע, האָבנדיק יעדער איינער אַ
האַרפע, און גאָלדענע בעקנס אָנגעפילט מיט קטורת,
9 וואָס זענען די תפילות פון די קדושים. און זיי האָבן
געזונגען אַ נייַ ליד, אַזוי צו זאָגן: ראוי ביסטו צו
נעמען דאָס ספר און צו עפענען זיינע חתימות;
ווייל דו ביסט געשחטן געוואָרן, און האָסט אויס־
געקויפט פאַר ג־ט מיט דיין אייגן בלוט (מענטשן)
0 פון יעדן שבט און לשון און פאָלק און אומה, און
זיי געמאַכט פאַר אַ קעניגרייך צו אונזער ג־ט און
פאַר כהנים; און זיי וועלן קעניגן אויף דער ערד.
1 און האָב געזען, און געהערט אַ קול פון אַ סך
מלאכים, אַרום און אַרום פון דעם כסא־הכבוד און
פון די חיות און די זקנים; און זייער צאָל איז געווען
צען טויזנט מאָל צען טויזנט און טויזנטער מאָל
2 טויזנט; (דניאל ז, י) און זיי האָבן געזאָגט מיט אַ הויך
קול: ראוי איז דאָס לעמעלע, דאָס געשחטענע, צו
נעמען די מאַכט און עשירות און חכמה און שטאַר־
3 קייט און ערע און כבוד און לויב! און יעדעס